בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**
מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס ל"ג, ויקהל - פקודי תשע"ט

# תוכן השיעור

**'מוחין דגדלות'**

**'כד וחד'**

**'שכל הנקנה'**

**'כל שאין בו ביטול תפלה'**

**'פנים של חסד'**

**'בראתי תורה תבלין'**

להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה; **0330-3900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 33**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# גליון זה נידב

לע"נ האשה החשובה בת קדושים

מרת **מלכה בענדער** ע"ה

בת ר' ***יהודא ארי'*** ז"ל

## אשת בזיו"ש של רבי לוי יצחק ז"ל

אשר זכתה לשמשו במסירות נאמנה למעלה
משלושים שנה, וחלקה גדול בסדר יומו
הנפלאה בישוב הדעת ובכל שיעוריו
ושיחותיו לדורות, אשר מהם פנה ויסד
להמשכת דעת רבינו הק' ועצותיו הק' "**בטעם
זקנים**" המיוחד, המוגש בגליונות אלו.

**נלב"ע בשבת קודש ז"ך אדר א' ה'תשמ"ט**

ת.נ.צ.ב.ה

# ~ אדר, שנת תשל"ד ~

**~ ובו חלק משיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ד ~**

(טייפ מס' 23#)

## 'מוחין דגדלות'

[א](חסר ההתחלה) **וְעִקַּר הַדִּין הוּא, כְּשֶׁהוּא בִּבְחִינַת מֹחִין דְּקַטְנוּת, שֶׁאָז נִקְרֵאת הַמַּלְכוּת צֶדֶק כַּיָּדוּעַ**, אז די 'מלכות' הייסט 'צדק' - האבן זיי א יניקה.

עס שטייט טאקע אין זוהר הקדוש,[ב] אז רבי שמעון האט אלע יארן עוסק געווען נאר אז ער זאל מאכן די "מלכות", פון 'צדק' - אויף 'צדקה', ממתיק זיין דעם 'צדק'!

דער רבי זאגט טאקע אין א תורה,[ג] "והוא ישפוט תבל בצדק", ווען ס'איז 'צדק' - דעמאלטס איז 'משפטים', דעמאלטס איז 'דינים', דארף מען מאכן פון 'צדק' - "צדקה"!

כאטש 'צדק' איז 'דינא קדישא', אבער – דער 'צדק' זאל נישט פארברענען די וועלט, דער 'צדק' קען פארברענען די וועלט! 'צדק' איז 'דינא קדישא', אבער ס'איז 'דין', דארף מען זעהן - דעם 'צדק' ממתיק זיין!

**כִּי צֶדֶק מַלְכוּתָא קַדִּישָׁא, בְּחִינַת "וּמַלְכִּי צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם". וְאָז כְּשֶׁהַמַּלְכוּת הִיא בִּבְחִינַת צֶדֶק, אָז הוּא בְּחִינַת מֹחִין דְּקַטְנוּת, בְּחִינַת דִּינִים, שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁךְ הַדִּין שֶׁל יִצְחָק, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֹשֶׁךְ, בְּחִינַת "וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו**

---

[א] מתוך הלשון בליקוטי מוהר"ן תו' ע"ד (מהלשון של מוהרנ"ת הנדפס בסוף התורה): כִּי יֵשׁ שְׁנֵי מִינֵי דִּינִים. כִּי יֵשׁ דִּינָא דִּמְסָאֳבָא, בְּחִינַת נָחָשׁ הִטִּיל זֻהֲמָא בְּחַוָּה. וְיֵשׁ דִּינָא קַדִּישָׁא, בְּחִינַת: "אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ" ... וְעַל כֵּן, זֶה הַדִּין הוּא בְּחִינַת דִּינָא קַדִּישָׁא. רַק שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹחִין דְּקַטְנוּת, שֶׁמִּשָּׁם עִקַּר אֲחִיזַת הַדִּין כַּיָּדוּעַ ... וּמַלְכוּת הוּא בְּחִינַת דִּין...

[ב] זוה"ק – אידרא זוטא, ח"ג דף רצ"ב ע"א.

[ג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' פ"ז.

**מֵרְאוֹת", שֶׁהוּא בְּחִינַת לַיְלָה, בְּחִינַת "וְלַחֹשֶׁךְ קָרָא לָיְלָה". וְזֶהוּ בְּחִינַת נֶפֶשׁ, בְּחִינַת "נַפְשִׁי אִוִּיתִךָ בַּלַּיְלָה".**

*

**וְצָרִיךְ כָּל אָדָם לֵילֵךְ מִקַּטְנוּת לְגַדְלוּת, וּלְהַמְתִּיק הַדִּין שֶׁבָּא מִבְּחִינַת מֹחִין דְּקַטְנוּת, דער עיקר 'דין' איז נאר אין די 'מוחין'!**

(השואל; וואס מיינט דער רבי כסדר "גדלות"? השגות?!) **ס'איז דא ביי יעדעם איינעם לפי מדריגתו! ביי איינעם איז 'קטנות' - אז דער מח איז אפגעלאזט פון אידישקייט, ער ליגט אין א 'קטנות'! און ביי איינעם איז 'קטנות' - אז דער מח איז נישט אפגעלאזט אבער עס שיינט נישט!**

**'דער מח' – דער עיקר איז דאך דער מח, דער עיקר 'נשמה' איז דאך אינעם מח, 'נשמה שבמוחי', דער עיקר – דאס אז ס'איז דא א 'חלק אלקי' - איז עס דאך אלס אין מח! דארף עס דאך זיין א לעכטיגקייט, א אור! אבער אז ס'איז א התגברות הדין, ליגט דער מח אין א קטנות, עס שיינט נישט, 'צוגעלייגט'! איז דעמאלטס האט ער א יניקה** (- הסט"א)**, דארף מען זיך שטארקן ארויסצוגיין מקטנות לגדלות, און ממתיק זיין דעם דין - בבחינת מוחין דקטנות.**

**ביי איינעם איז 'קטנות' - אז דער מח ליגט אין נארישקייטן, פראסט, נארישע געדאנקען - איז קטנות! און ביי איינעם איז 'קטנות', דער מח ליגט נישט אין קיין נארישקייטן, אבער ער שיינט נישט! א מח דארף שיינען אלקות! ער שיינט נישט! יעדער דארף ארויסגיין מקטנות לגדלות.**

**אז ער באקומט 'מוחין דגדלות' איז דאוונט זיך, עס לערנט זיך, ס'איז אן אנדערע חיות!**

*

# 'כד וחד'

(א' הנוכחים; דער רבי האט געזאגט רבי נתן'ען **"דו האסט נישט קיין אמונה"!** האט זיך רבי נתן געוואונדערט, האט איהם דער רבי געזאגט **"דו האסט נישט קיין אמונה אין זיך"!** איז וואס מיינט דער רבי "מוחין דגדלות"? אז א מענטש דארף גלייבן אז ער קען צוקומען צו גרויסע זאכן?! האבן הויכע

שאיפות?!)[ד] דאס איז אזוי - א מענטש דארף אנהאלטן אין "צוויי עקן"! ער דארף וויסן וויאזוי צו פירן זיך, רבי נתן ברענגט אין א הלכה,[ה] אז א 'איי', אז ער איז בײדע זייטן 'קיילעכיג' איז דאס איי א "טמא'נע איי", אז בײדע זייטן זענען 'שפיציג' - איז דאס אויך א "טמא'נע איי", נאר אז ס'איז איין זייט 'כד' און איין זייט 'חד', איז אויב מען ווייסט ס'איז פון א עוף טהור – (נאמן לומר שטהורה היא, עיי"ש).

דאס איז אויך דאס אייגענע, 'חד' הייסט 'עזות', 'חד' - שארף, 'כד' הייסט 'בושה' - 'קיילעכיג', אויב בײדע זייטן זענען 'עזות' איז עס 'טמא', בײדע זייטן זענען 'קיילעכיג' - טויג אויך נישט! מען דארף האבן א שטארקייט אויך!

אויב איין זייט איז 'כד', און איין זייט איז 'חד', דארף ער וויסן אבער וויאזוי אויסצוניצן דאס! בשעת ס'קומט אהן צו טוהן אן עבירה, דארף ער זיין ביי זיך שטארק, שארף און שטארק, נישט לאזן! קומט אין איהם אריין א 'גדלות', דארף ער זיין ביי זיך 'כד' - קיילעכיג, אפגעלאזט!

אה, דארף ער וויסן ווי אזוי אויסצוניצן דאס, טאמער קערט זיך עס איבער - אפילו ער האט שוין אין זיך איין זייט 'כד' און איין זייט 'חד' - עס איז דאך גוט?! אבער 'ווען', ווען איז 'כד' און ווען איז 'חד'? ס'קען זיין אז ס'קומט צו איהם אן עבירה איז ער אפגעלאזט, ער טוהט עס, ס'קומט ווייטער צו - (גדלות) איז פארקערט ווייטער...

אויב בײדע 'כד' איז געוויס טמא! 'חד' - איז אויך געוויס טמא! אויב איז איין 'כד' און איין 'חד' - דארף ער וויסן אז ס'נעמט פון א 'עוף טהור', ער דארף האבן אין זיך בײדע זאכן, ער דארף האבן אין זיך 'שטארקייט' - און דארף האבן אין זיך 'בושה'!

ער דארף האבן 'בושה' - זיך שעמען, נאר וואס דען? ער דארף וויסן 'ווען' האבן! 'ווען' ניצט מען דאס! בשעת ער וויל מיר אראפווארפן, אריינברענגען אין א חלישות, דארף ער האבן אין זיך 'שטארקייט'; ער איז א מאמין בהשם, ער גלייבט אין צדיקים, ער גלייבט אין די תורה הקדושה, ער איז מקיים מצוות התורה, נישט לאזן זיך! דארף ער האבן אין זיך 'חד'! ווייטער - אויב ער וויל איהם אריינברענגען ווייטער אין

[ד] עי' שיחות הר"ן אות ק"מ.

[ה] עי' ליקוטי הלכות ביצים הלכה ד'.

'גדלות', "דו ביסט פול מיט מצוות, מיט השגות", דארף ער וויסן 'ניין'! ס'איז א מלחמה, ס'איז כסדר א מלחמה!

*

# 'שכל הנקנה'

וּכְשֶׁבָּא לִבְחִינַת מֹחִין דְּגַדְלוּת, זֶהוּ בְּחִינַת "וַתִּפָּקַחְנָה עֵינֵי שְׁנֵיהֶם", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'עַל שֵׁם הַחָכְמָה נֶאֱמַר'. כִּי עִקַּר הַהַמְתָּקָה הוּא עַל־יְדֵי חָכְמָה, דער עיקר 'המתקה' - איז נאר דער 'מח', דער 'מח' זאל נישט ליגן אין קיין 'קטנות', דאס איז דער עיקר 'המתקה'!

א מענטש זאל דאס וויסן - אז דער עיקר זיין 'פארמעג' איז נאר דער מח, נאר דער מח! די אלע מצוות וואס ער טוהט, מעשים טובים - איז נאר ס'זאל איהם שיינען דער מח! דער מח זאל זיין ריינער!

אז א מענטש זאל וויסן דאס מיט א ידיעה ברורה, אז דאס איז דער עיקר, וואלט ער זיך פארלייגט אויף דער זאך! אז דאס איז דער עיקר מענטש! דער עיקר 'השארה' פון וואס א מענטש בלייבט איבער פון איהם, בלייבט איבער נאר דער מח! א שענערער מח - א שענערער שכל – איז א שענערער 'השארה'! אז מען קומט אהינצו (- בעלמא דאתי), זעהט מען מיט וואספארא מח קומט ער אהינצו, מיט וואספארא מח קומט ער אהינצו?! דאס איז די גאנצע 'השארה' וואס בלייבט איבער לאחר מותו - זאגט דער רבי אין תורה כ"ה – דער "שכל הנקנה"!

דער רבי זאגט טאקע אין די מעשה פון 'זכרון',[ו] - דער זכרון איז דאך תלוי אין 'חכמה', שכחה איז 'עצבות', זכרון איז תלוי אין 'חכמה', וואס דער מח פון א מענטש איז העכער - האט ער א בעסערן זכרון! 'די זקנים', 'זקן' - איז דאך "זה קנה חכמה",[ז] וואס דער זקן האט געהאט מער חכמה אין זיך, מער שענערע מוחין - האט ער געהאט א שענערן זכרון, האט ער מער געדענקט!

*

[ו] סיפורי מעשיות - מעשה י"ג, מהז' בעטלערס, יום ראשון.

[ז] קידושין דף ל"ב ע"ב.

**איי איי, א מענטש האט פאר זיך אזא מין 'פארמעג', און מען היט איהם נישט אפ!**

א שניט אין א פינגער'ל, פיהלט ער שוין אז ס'שניידט, ס'טוט איהם וויי, און זוכט א רפואה! און דער מח איז דער "עיקר מענטש", לאזט מען אריין נארישקייטן אין מח אריין?! געוואלד - אינגאנצן דיין פארמעג איז דאך דער מח! מיט וואס וועסטו קומען אהינצו?! נאר מיט א 'מח' קומסטו - וואספארא מח וועסטו האבן? וויאזוי קומסטו אהינצו?!

דיינע מצוות ומעשים טובים וואס דו טוהסט כל ימי חייך, איז אז ס'זאל דיר אויסלייטערן דער מח, דאס איז דער עיקר!

טאקע אין דער מעשה - דער 'אדלער' (האט געזאגט;) **"הערט אויף זיין ארימעלייט, הייבט אהן ניצן מיט אייערע אוצרות"**, מיינט ער אויך א מח! דאס איז דער מענטש'נס אוצרות! דארטן איז אלקות! נאר וואס דען - אין דעם מח דארף מען האבן התקרבות צום צדיק, און זיינע הייליגע ספרים, זיינע עצות, אבער דאס איז דער עיקר!

*

דער עיקר - בעהטן דעם אויבערשטן אסאך, די ערשטע ברכה פון 'ברכות האמצעיות' - איז 'דעת', די ערשטע ברכה בעהט מען אויף 'דעת', "אם אין דעת הבדלה מנין"[ח] - דאס הבדל פון 'רע לטוב' מאכט מען נאר אז מען האט דעת! דעמאלטס מאכט מען א 'הבדלה', מען האט א הבדל בין אור לחושך! אז מען האט נישט קיין דעת - ווייסט מען נישט קיין חילוק בין אור לחושך!

*

אוודאי, ס'איז א געוואלדיגע בושה דאס, לעתיד - דער עיקר גיהנם איז נאר די 'בושה'![ט] לעתיד וועט ער זעהן; "געוואלד, דו האסט אזויפיל געהאט ביי זיך תורות, מיט תפילות, מיט'ן צדיק! אזויפיל האסטו געהאט ביי זיך - פארוואס האסטו נישט אפגעהיט דער מח?! דו ביסט געקומען אהערצו - מיט אזא מין שמוציגן מח ביסטו

[ח] ירושלמי ברכות פ"ה.

[ט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ב בסופו.

געקומען אהערצו?! דו האסט געקענט קומען מיט א ריינעם מח, מיט א שיינעם מח, פארוואס האסטו נישט אפגעהיט דער מח"?!

עס זאגט טאקע דער זוהר הקדוש;[י] "לפי מה דמתדבק בר נש בהאי עלמא", 'מתדבק' איז נאר אין מח, ווי אזוי א מענטש איז זיך מתדבק אין די וועלט, אזוי איז ער דארטן!

*

כִּי עִקַּר הַהַמְתָּקָה הוּא עַל־יְדֵי חָכְמָה, בְּחִינַת מֹחִין דְּגַדְלוּת, דְּהַיְנוּ עַל־יְדֵי יְדִיעַת הַתּוֹרָה. כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת אוֹר, בְּחִינַת (מִשְׁלֵי ו) וְתוֹרָה אוֹר, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב", 'וְאֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה'. הַיְנוּ, כִּי הַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת אוֹר, שֶׁהִיא הֶפֶךְ הַחֹשֶׁךְ, שֶׁהוּא בְּחִינַת דִּין כַּנַּ"ל. כִּי עַל־יְדֵי יְדִיעַת הַתּוֹרָה, נִמְתָּק הַדִּין. כַּנַּ"ל.

דער רבי האט געהייסן מאכן פון תורות תפילות![יא] אוודאי, די תורה הקדושה - די תורה לייטערט דעם מח, דער עיקר איז די תורה, די תורה ווערט גערופן אור, דער היפך פון דינים – (שהם חושך), א געוואלד!

אזוי ווי מען דארף אפהיטן דער מח, אזוי דארף מען אפהיטן די תורה! 'ביטול תורה' איז א געוואלדיגע זאך , 'ביטול תורה' - נישט זיצן ליידיג!

'תורה - אור'! 'תורה' - זאגט דער רבי (בתחילת תו' זו) - היילט אויס זיין 'נפש', און איז מעלה דער נפש 'למקום שורשה'!

*

# 'כל שאין בו ביטול תפלה'

וְסִימָן שֶׁיֵּדַע הָאָדָם אִם הוּא בִּבְחִינַת דִּינָא דִּמְסָאֲבָא, וְאִם הוּא בִּבְחִינַת דִּינָא קַדִּישָׁא, סִימָן לַדָּבָר, תְּפִלָּה. כְּשֶׁאֵין בּוֹ בִּטּוּל תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ

---

[י] עי' זוה"ק בראשית דף ק' ע"א, ועי' חיי מוהר"ן אות ק"א.

[יא] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה.

חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, 'אֵיזֶה יִסּוּרִין שֶׁל אַהֲבָה, כָּל שֶׁאֵין בּוֹ בִּטּוּל תְּפִלָּה', שֶׁנֶּאֱמַר: "בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר לֹא הֵסִיר תְּפִלָּתִי וְחַסְדּוֹ מֵאִתִּי".

דער רבי הייבט אן ביי 'תורה', און איז ממשיך מיט 'תפילה'! דער רבי רעדט א גאנצער מאמר פון 'תורה', ידיעת התורה, 'מְיֻגָּע' זיין אין תורה, און דא איז דער רבי אריין צו 'תפילה', ווייל דיביידע איז איין זאך! 'תורה' מיט 'תפילה', איינס האלט דאס אנדערע, 'תורה' מוז האבן 'תפילה', 'תורה' אליין - אהן 'תפילה' - קען מען פארקריכן א געוואלד, מיט א געוואלדיגן "שלא לשמה", מיט א געוואלדיגע 'גאוה', צום סוף וועט ער נישט אויספירן! צו דעם כח וואס תורה האט אין זיך - דארף מען האבן 'תפילה'! דעמאלטס קען די תורה ארויסגעבן אירע כוחות!

אט דאס זאגט דוד המלך 'וְזֶה שֶׁכָּתוּב: "הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ הָיִיתִי נִבְהָל", דוד המלך איז געווען תמיד פול מיט יסורים, מען האט איהם תמיד גע'רודפ'ט, גע'רודפ'ט! 'הסתרת פניך', אז דו ביסט מסתיר 'פנים' - זאגט דער רבי – 'פניך' מיינט מען תפילה, 'פָּנִים', זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּה, 'הסתרת פניך' – דעמאלטס ווער איך דערשראקן! אז ס'איז 'הסתרת פנים' - דאס הייסט אז ס'איז 'ביטול תפילה', דאס הייסט הסתרת פנים!

די אלע יסורים וואס ער האט געהאט - ער האט געמאכט דערפון א 'קאפיטל תהלים',[יב] אז ער האט נאר זיך געמאכט 'התבודדות' מיט 'תפילות' - איז ער נישט געווארן איבערגעשראקן! דאס איז דער וועג, יסורים טרייבן צו תפלה![יג]

אבער 'הסתרת פניך' – אז דו ביסט מסתיר פנים - דאס הייסט 'איך קען נישט דאווענען', דעמאלטס שרעק איך זיך! דעמאלטס האב איך דאך נישט מיט וואס צו מאכן די המתקה אז ס'זאל ארויסגיין פונעם הסתרת פנים! איז דעמאלטס – 'הייתי נבהל'!

*

כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "וַיַּסֵּב חִזְקִיָּהוּ פָּנָיו וְכוּ' וַיִּתְפַּלֵּל", וואס ס'איז דעמאלטס געוועזן? ס'איז געקומען א נביא אמת - "ישעיה הנביא" איז געקומען צו איהם, און

[יב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קנ"ו, ותו' ע"ג תניינא.

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' י"ג "ופרעה הקריב".

האט איהם געזאגט, 'מת אתה ולא תחיה'! דו וועסט נישט האבן עולם הבא אויך! מת אתה – בעולם הזה, ולא תחיה – בעולם הבא![יד] האט ער געזאגט "כלה נבואתך וצא! - אזוי האב איך מקבל געווען, אפילו 'חרב חדה' ליגט אויפן האלז, זאל מען זיך נישט מונע זיין פון רחמים"! 'ויסב' – ער האט אויסגעדרייט דעם פנים צו דער וואנט און ער האט געבעטן!

זאגט די גמרא, ישעי' הנביא איז געווען נאך אין דער אנדערע הויף - ביי א מלך איז צוויי הויפ'ן איז דא דארטן - 'תיכונה' 'חיצונה', ער איז געווען נאך אין הויף, האט ער באקומען 'נבואה'; "גיי זאג איהם א נבואה אז ער וועט האבן א רפואה! און איך וועל איהם מוסיף זיין נאך פופצן יאר אויף זיין לעבן"!

ער האט איהם נארוואס געזאגט 'כלה נבואתך וצא', פריער איז אויך געווען ביים אויבערשטן "מת אתה בעולם הזה ובעולם הבא", נאר וויבאלד ער האט אויסגעדרייט דעם פנים צו דער וואנט, און ער האט געבעטן דעם אויבערשטן, איז שוין געגאנגען א נבואה מלמעלה "גיי זאג איהם - ויוסיף על ימיך חמש עשרה שנה"! און א סימן האט ער איהם געגעבן,[טו] אז ביז עטליכע טעג איז ער שוין געגאנגען אין בית המקדש אריין, געהאט א רפואה!

אזעלכע דינים געהאט אויף זיך, און קיין ביטול תפילה איז נישט געווען, דאס איז דאס גרויסקייט!

א נביא זאגט דעם מענטשן אזעלכע ווערטער, א נביא אמת, ישעי' הנביא! א 'נביא אמת' זאגט איהם "דו וועסט שטארבן, דו וועסט נישט האבן די וועלט, דו וועסט נישט האבן יענע וועלט אויך"! זאגט ער איהם, "ניין! דאס נישט"! און אוועקגעדרייט דעם פנים צו דער וואנט און געבעטן דעם אויבערשטן!

**הַיְנוּ כְּשֶׁהוּא הַסְתָּרַת פָּנִים ח"ו, דְּהַיְנוּ בִּטּוּל תְּפִלָּה ח"ו, אָז הוּא דִּין קָשֶׁה ח"ו, בְּחִינַת "הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ הָיִיתִי נִבְהָל" כַּנַּ"ל:**

*

[יד] עי' ברכות דף י' ע"א.

[טו] עי' ישעי' ל"ח ז'.

# 'פנים של חסד'

נִמְצָא, שֶׁיִּצְחָק הוּא בְּחִינַת דִּינָא קַדִּישָׁא, שֶׁנִּמְשָׁךְ מִצַּד הַחֶסֶד, עס נעמט זיך אבער פון חסד, פון אברהם'ען. בְּחִינַת "אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק" כַּנַּ"ל.

וְזֶה מַה שֶּׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י עַל פָּסוּק זֶה: 'לְפִי שֶׁהָיוּ לֵיצָנֵי הַדּוֹר אוֹמְרִים מֵאֲבִימֶלֶךְ נִתְעַבְּרָה שָׂרָה', הַיְנוּ בְּחִינַת סִטְרָא דִּמְסָאֲבָא. הַיְנוּ, שֶׁהַדִּין שֶׁל יִצְחָק שֶׁנּוֹלַד מִשָּׂרָה, נִמְשַׁךְ מִסִּטְרָא דִּמְסָאֲבָא, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁהוּא בְּחִינַת אֲבִימֶלֶךְ. וְעַל כֵּן צָר הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא קְלַסְתֵּר פָּנִים שֶׁל יִצְחָק דּוֹמֶה לְאַבְרָהָם וְהָיוּ הַכֹּל מוֹדִים שֶׁאַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק. פֵּרוּשׁ שֶׁהַדִּין הוּא בְּחִינַת דִּינָא קַדִּישָׁא, וּמִסִּטְרָא דְּאַבְרָהָם בְּחִינַת חֶסֶד, נוֹלַד יִצְחָק כַּנַּ"ל.

פון וואנעט קען מען טאקע דערקענען? אויף א מענטשן גייט איבער יסורים, און ס'גייט איבער - אויף א פרייער מענטש גייט אויך איבער יסורים, פון וואנעט קען מען דערקענען צווישן 'דינא קדישא' ביז 'דינא מסאבא'? פון וואנעט דערקענט מען דאס? דערקענען - דערקענט מען נאר אינעם פנים! דער וואס ס'איז 'דינא קדישא' - יצחק איז געווען 'דינא קדישא', אבער ער האט געהאט א פנים פון אברהם'ען! - זאגט די גמרא.[טז]

דער אויבערשטער האט אויסגעמאלט יצחק'ס פנים פונקט אזוי ווי אברהם, אז אברהם האט געבעטן טאקע אז מען זאל דערקענען 'זקנה', ווייל מען האט גארנישט געקענט דערקענען, ס'איז 'אברהם' 'אברהם'! ביידע זענען געווען איין צורה![יז]

יצחק איז דאך 'דינא קדישא', און פונדעסטוועגן האט ער א פנים פון אברהם'ען, ער האט געהאט א פרייליך פנים - יצחק, אזוי ווי אברהם אבינו! א פנים של חסד!

ווייל די ליצני הדור האבן געזאגט "מאבימלך נתעברה שרה", אז שרה האט געבוירן יצחק - ער איז גארנישט פון אברהם'ען! אברהם איז דאך 'חסד'! האט דער אויבערשטער געוויזן - אז יצחק איז דער פנים פונקט אזוי ווי אברהם!

[טז] בבא מציעא דף פ"ז ע"א.

[יז] בבא מציעא שם.

דאס איז דער חילוק פון 'דינא קדישא', דער וואס האט 'דינים דמסאבא' טאקע, איז א פינסטערע פנים טאקע, א מרה שחורה'דיג פנים, אבער דער וואס ס'איז 'דינא קדישא' האט ער א פנים פון אברהם'ען, א פנים פון חסד!

*

דאס זאגט דער רבי דא, "לפי שהיו ליצני הדור אומרים מאבימלך נתעברה שרה", אזוי האבן געזאגט די ליצים פון דור, ליצים! באמת, דאס איז 'דינא קדישא', אבער די ליצים זאגן "מאבימלך" –

שטייט טאקע ביים 'דור המבול' אז ער האט אלס גע'מוסר'ט - נח, גע'מוסר'ט, האבן זיי געזאגט איהם; "אויב ס'וועט זיין דינים, וועט זיך עס אנהייבן ביי דיין שטוב פריער"![יח] אזוי האבן זיי איהם געזאגט, אזוי שטייט אין מדרש. און מתושלח איז דאך נסתלק געווארן די צייט, אין די שבעת ימים איז נסתלק געווארן מתושלח הצדיק, "אזוי?! איך האב דיר געזאגט ס'וועט זיך אנהייבן ביי דיר און שטוב! דו זעהסט דאך מתושלח איז נסתלק געווארן"! (כך אמרו בני דור המבול), אזוי זאגט דער מדרש, "אה, ס'האט זיך אנגעהויבן ביי דיר אין שטוב".

וואס איז געווארן דער סוף? דער סוף איז געווארן, זיי זענען אלע נאבד געווארן!

"זיי זאגן", די אלע, די סטרא אחרא זאגט - אז די דינים נעמען זיך פון 'מסאבא'! זאגט דער רבי; ניין – ס'איז דא אבער צוויי ערליי דינים!

דאס קען מען דערקענען נאר אין 'פנים'! אה - יצחק האט געהאט דעם פנים פון אברהם, איין צורה! א סימן אז ס'איז 'דינא קדישא'! האבן דינים - און האבן א לעכטיגע פנים, א פרייליך פנים, איז 'דינא קדישא'!

*

(אחד הנוכחים; ס'איז דא מענטשן וואס אפילו 'דינא קדישא' האבן זיי אויך נישט, נאר הוילע חסד -).

איז אוודאי גוט, איז אוודאי גוט! אבער 'זעירין אינון', ס'גייט דאך איבער, אמאל גייט איבער, זייער ווינציג - זיי זאלן האבן כסדר 'חסד'!

[יח] בראשית רבה ל' ז.

דער אויבערשטער פירט דאך אזוי, אזוי, אזוי, ס'גייט איבער, ס'גייט איבער, אבער אז ער האט א פנים פון אברהם'ען, "היו הכל מודים" - האבן אלע מודה געווען, אז יצחק איז נישט פון אבימלך'ן, יצחק איז פון אברהם'ען! א סימן - ער האט דאך אברהם'ס פנים, ער האט א פנים פון חסד, ער האט א לעכטיגע צורה!

* * *

# 'בראתי תורה תבלין'

(השואל; רבי אברהם רבי נחמן'ס ברעננט, אין די הקדמה פון ביאור הליקוטים, אז היינט דער עיקר "תורה תבלין" איז די תורה פון צדיק), **יא יא,** (קומט דאך אויס אז דאס איז דער עיקר תורה וואס מען דארף לערנען, ווייל דאס איז דער עיקר קראפט אנטקעגן דעם יצר הרע).[יט]

רבי נתן האט געשריבן אין א מכתב, שרייבט ער צום זוהן, **'אז דו וועסט אפהיטן די שיעורים פונעם רבי'ן, וועסטו קענען אלע שיעורים נאכדעם האבן'**,[כ] אזוי שרייבט ער!

א מענטש דארף האבן אסאך שיעורים אין לערנען, מען דארף לערנען גמרא, און ארבעה שלחן ערוך, מען דארף לערנען תנ"ך, ס'איז דא אסאך![כא] מען דארף האבן

---

[יט] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים, אות י"א; גַּם מְבֹאָר מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ זַ"ל לְעִנְיַן הַצַּדִּיקִים יְחִידֵי הַדּוֹרוֹת, שֶׁקֹּדֶם יְרִידַת הַצַּדִּיקִים לְזֶה הָעוֹלָם, יֵשׁ בַּיְכֹלֶת לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר וְעוֹבֵד אֶת ה', גַּם זוּלַת זֶה הַצַּדִּיק וְתוֹרָתוֹ, וּמִשֶּׁבָּא לְזֶה הָעוֹלָם אֵין בַּיְכֹלֶת כְּלָל לִזְכּוֹת זוּלָתוֹ וְזוּלַת תּוֹרָתוֹ לְמַה שֶּׁצָּרִיךְ לִזְכּוֹת. וּכְפִי הַנִּרְאֶה מִדְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁזֶּה נִמְשָׁךְ מִדַּרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּהַנְהָגַת הָעוֹלָם זֶה לְעֻמַּת זֶה, וּבִירִידַת הַצַּדִּיק הָרוֹפֵא נְפָשׁוֹת לְזֶה הָעוֹלָם, בִּרְפוּאוֹת וְתַחְבּוּשׁוֹת יְקָרוֹת וְנִפְלָאוֹת שֶׁלֹּא נִתְגַּלּוּ עֲדַיִן מֵעוֹלָם, נִתְחַדְּשִׁים כְּנֶגֶד זֶה מַחֲלוֹת וּמַכְאוֹבִים חֲדָשִׁים שֶׁלֹּא הָיוּ עֲדַיִן בָּעוֹלָם, וְשֶׁאֵין בַּיְכֹלֶת לַעֲמֹד כְּלָל כְּנֶגְדָּם, אִם לֹא בִּסְגֻלּוֹת וּרְפוּאוֹת הַצַּדִּיק שֶׁנִּתְחַדְּשׁוּ וְיָרְדוּ כְּנֶגְדָּם בְּאֵלֶּה הָעִתִּים, וְהַבִּלְתִּי מִתְרַפֵּא בָּהֶם אָבְדָה תִּקְוָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם. וּלְפִי כָּל זֶה תָּבִין וְתִתְבּוֹנֵן בְּרֹב וְעֹצֶם חִיּוּב וְהֶכְרֵחַ הַלִּמּוּד בַּתּוֹרָה שֶׁבְּנִסְתָּר שֶׁזָּכִינוּ עַל־יְדֵי רַבֵּנוּ זַ"ל. כִּי הֵן הֵמָּה הַתַּבְלִין הַמֻּכְרָחִים לְהַיֵּצֶר הָרָע שֶׁבָּעֵת הַזֹּאת. שֶׁעַל זֶה אָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זַ"ל 'בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע בָּרָאתִי תּוֹרָה תַּבְלִין' (מַסֶּכֶת קִדּוּשִׁין דַּף ל' ע"ב).

[כ] עי' עלים לתרופה מכתב רנ"ד; וּכְלַל דְּבָרֵינוּ הָיָה שֶׁעִקַּר תִּקּוּן שְׁלֵמוּת הָעֵצָה הוּא עַל יְדֵי הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ, בִּבְחִינַת (אִיּוֹב לא) וְסֵפֶר כָּתַב אִישׁ רִיבִי וְכוּ'. עַל כֵּן צְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד לִלְמֹד הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה בְּכָל יוֹם, וּלְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ שָׁם עֵצוֹת טוֹבוֹת אֲמִתִּיּוֹת. וְעַל־יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לִלְמֹד כָּל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים הַמֻּכְרָחִים שֶׁהֵם סֵפֶר הַפּוֹסְקִים וְכוּ'.

[כא] עי' שיחות הר"ן אות ע"ו.

אסאך שיעורים - און מען דארף לערנען דעם רבי'נס ספרים! "אז דו וועסט אפהיטן די שיעורים פון 'שיעורי רבינו', וועסטו האבן נאכדעם – העסטו אלע שיעורים קענען האבן"!

קומט אויס אזוי, וואס איז טאקע 'תבלין'? תבלין איז א זאך וואס שמעקט, א 'ריח טוב', א ריח - צוגייט זיך עס, עס צושפרייט זיך! אז מען לערנט דעם רבי'נס ספרים, האט מען שוין צייט צו לערנען אלעס! און מען לערנט טאקע אלעס אויך! לערנען דארף מען לערנען אלעס!

(השואל; נאר דער עיקר דארף מען לייגן דעם קאפ אין רבי'נס ספרים מסתמא?) וואס הייסט דער עיקר? און וועלכעס איז א טפל?!

דער עיקר ווייזט אויס מיינט מען 'התקשרות' - האבן תמיד התקשרות צום צדיק, ביים לערנען, ביים דאווענען, ביי טוהן א מצוה! ממילא האט ער טאקע נאר דעם תבלין פונעם צדיק, ווייל ער האט תמיד התקשרות, ער גייט דאווענען - האט ער התקשרות צום צדיק, ביים לערנען דארף מען אויך האבן התקשרות, ביי יעדע מצוה דארף מען האבן התקשרות,[כב] ממילא איז טאקע נאר דער תבלין פונעם צדיק!

דער תבלין פונעם צדיק גייט אריין אין צושפרייט זיך אומעטום! דער ריח טוב צוגייט זיך אומעטום!

*

"רבי אברהם רבי נחמן'ס" האט אזוי געזאגט, ער איז געווען א גרויסער למדן, ער איז געווען א געוואלדיגער למדן, איך האב געהערט - איך בין געקומען פון די ישיבה, אין די ישיבה האט מען געלערנט דארט יורה דעה - דארטן אין טריפות, רבי אברהם האט געזאגט א שטיקל ש"ך, ממש מיט'ן לשון אויסעווייניג - האט ער געקענט דעם

---

[כב] עי' ליקוטי הלכות הל' בציעת הפת ה' אות כ"ג: עַל-פִּי הַנַּ"ל מְבֹאָר שֶׁצָּרִיךְ כָּל אָדָם לְכַוֵּן דַּעְתּוֹ תָּמִיד, בִּפְרָט בְּעֵת עָסְקוֹ בְּתוֹרָה וּמִצְווֹת, שֶׁיִּהְיֶה נִמְשָׁךְ עָלָיו הַהֶאָרָה מֵהַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁעוֹסֵק תָּמִיד לְעוֹרֵר וּלְהָאִיר שָׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל עַל-יְדֵי עָסְקוֹ בַּתּוֹרָה כַּנַּ"ל, כִּי זֶה יָדוּעַ וּמוּבָן לַכֹּל שֶׁאַף-עַל-פִּי שֶׁהַצַּדִּיק עוֹסֵק לְהָבִיא הֶאָרָה וְהִתְעוֹרְרוּת אֲפִלּוּ לְפוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל, אַף-עַל-פִּי-כֵן בְּוַדַּאי צְרִיכִין לָזֶה גַּם אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא מֵהָאָדָם עַצְמוֹ, בִּבְחִינַת אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ כַּיָּדוּעַ. וְכָל מַה שֶּׁהָאָדָם מְכַוֵּן דַּעְתּוֹ לָזֶה בְּיוֹתֵר, וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בְּיוֹתֵר, בְּוַדַּאי נִמְשָׁךְ עָלָיו הֶאָרָה בְּיוֹתֵר, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ בִּשְׁלֵמוּת.

לשון ש"ך! אזוי איז ער געווען קלאר אין ש"ך אז ער האט געקענט דעם לשון פון ש"ך אויסעווייניג!

פון וואנעט האט ער דאס געהאט? 'א מאמר חז"ל', א געוואלד, פון וואנעט האט ער דאס געהאט? ווייל ער האט געהאט דעם רבי'נס ספרים אסאך! דעם רבי'נס עצות אסאך! איז געווען א צייט ער זאל אלעס אריינגעמען אין זיך![כג] פארשטייסט? איז אלעס אריין אין זיך, און ס'איז א זכרון אויף אלסדינג! ס'איז א געוואלדיגער תבלין, אזוי ווי א תבלין – א בשמים, ס'שמעקט! (חסר ההמשך).

* * *

(השואל; רבי נתן האט געזאגט אמאל, ס'איז געווען א תענית אסתר, "מען גייט נאך זאגן, ביום צום תעניתנו כי בצרה גדולה אנחנו"?)

רבי נחמן טולטשינער איז אריינגעקומען מיט די מגילה אזוי פורים'דיג, תענית אסתר פאר מנחה, (אמר לו מוהרנ"ת;) "מען וועט **באלד זאגן, 'כי בצרה גדולה אנחנו'"** הייסט ס'איז נאכנישט – מאכן דא אזוי פורים'דיג...[כד]

[כג] עי' ליקו"מ תו' ק"י ענין "לא ימוש".

[כד] עי' שיש"ק ח"ב אות תרע"ה.